NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11944

# FEYGELAKH

David Roykhel

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פייגעלאך





# דאס הונגעריקע פייגעלע.

מאמע, ליבע מאמעשי, גיכער קום אהער!
זעהן דארט ביים פענסטערל צאפלט זיך א שרעק.
וועה־גאר־וועה! א פייגעלע, א ברעקעלע א קליינס
פישטשעט אזוי טרויעריק, און וויל נאר ניט אוועק.
ס'מוז דאס ארים פייגעלע הונגעריק נעבאך זיין ־
ניטא שוין מער קיין קערנדל פאר איר אין וויסטן פעלד.
און עס בעט דאס פייגעלע, בעט זיך שטיל תחנונימדיק
ברעקעלאך דעם הונגער שטילן און א שוץ פון קעלט.
עפן איך דאס פענסטערל, גוטע־גוטע מאמעשי,
זאל דאס קליינע פייגעלע אריינפליהען צו מיר!
וועהגאר ווי דערפרירן ס'איז, וועהגאר ווי עס טרייסלט זיך
טייער, ליבעס פייגעלע, מיר זאל זיין פאר דיר!
ציטער ניט מיין פייגעלע, צאפל ניט אזוי!
פליה שוין דורכן פענסטערל אין צימערל אריין.
ס'וועט דיר דא קיין עסן פעלן
ס'וועט דיר ווארים זיין!

# אונזערע ווינטער-פייגעלאך.

פוך און פוך און ווידער פוך...
מיט א ווייסער קלארער טוך
דעקט זיך איין דאס סטעפעלע,
ע, דער פעטער שנייער פארט!
איבער פעלד און איבער וואלד
כאפט ער אים זיין בענטל!

ד. אײנהארן,

פריילאך קנאקט דאס פייער אין אויוון און א ליבע ווארימקייט פילט אן די גאנצע שטוב. און אין דרויסן איז כמורעדיק קאלט, א זאווערוכע: דער פראסט ברענט, די ביימער קרעכצן, דער ווינט פייפט, טרייבט דעם שניי פון די דעכער אראפ און דרייט אים אין א ווילדן קאראהאד, די שויבן ציטערן... מיט אמאל-טראך! עפעס האט א קלאפ געטאן אין פענצטער. ווער קען דאס זיין אין אזא געוויטער? זעה-נאר, א פייגעלע נאר! דאס אומגליקלאכע באסעפעניסל, ראטעוועדיק זיך פון קעלט, קלאפט אין פענסטער און זוכט פאר זיך א היים אין אונזער ליכטיגער, ווארימער שטוב. מ'דארף דאס אריינלאזן און געבן עפעס עסן: וויפיל אומגליקלאכע פייגעלאך וועלן היינט נעבאך אומקומען פון הונגער און קעלט!

דאס מסתמא ווייסט איר, אז ניט אלע פייגעלאך פארלאזן אונז אין הארבסט און פליהען אוועק אין די

װאַרימע לענדער. אַ סך פֿײגעלאַך בלײבן בײ אונז
װינטערן, און װי ס'קומט נאָר דער האַרבסט און ס'װערט
אַלץ שװערער און שװערער צו געפֿינען פֿאַר זיך שפּײז,
קלײבן זײ זיך צונויף פֿאַרקערװײז און װאַנדערן פֿון
אײן אָרט צום אַנדערן: פֿונעם װאַלד, װוּ זײ האָבן
דעם װינטער פֿאַרבראַכט, נעהענטער צום שטעטל, לעבן
די הײזער, װוּ ס'איז לײכטער צו געפֿינען פֿאַר זיך
קערעלעך צו עסן און אַ שוץ פֿון קעלט. אָט די ראָװיגע פֿײגע־
לאַך באַלעבן אונזער װינטער־לאַנדשאַפֿט און אָן זײ װאָלט
דער לאַנגער װינטער אױסגעזעהן אַ סך אומעטיקער.

װער ס'האָט נאָר אַמאָל פֿאַרבראַכט אין אַ שטעטל
אָדער אין דאָרף דעם האַרבסט, דער װײסט גאַנץ גוט,
װעלכע פֿײגעלאַך ס'בלײבן בײ אונז װינטערן. דער,
װאָס האָט געװױנט אין דאָרף, האָט מסתּמא באַמערקט,
אַז אין האַרבסט, װען ס'רוב פֿײגעלאַך, װאָס באַלעבן
זומער מיט זײער פֿרײדעװדיקן געזאַנג אונזערע װעלדער,
פֿעלדער און גערטנער, פֿליהען אַװעק, באַװײזן זיך אױף
זײער אָרט נאָר אַנדערע פֿײגעלאַך, װאָס איר האָט נאָך
קײנמאָל ניט געזעהן לעבן אײער סטוב: פֿיקהאָלצן,
פֿינקעלאַך [1]), קלעטערלאַך [2]), מסיסיקעס, שטיגליצן און
פֿיל אַנדערע. און אָט אין דער ראָזיגער צײט קאָן מען
זיך צום בעסטן באַקענען מיט זײ.

דעם פֿיקהאָלץ איז זעהר לײכט אונטערצושײדן פֿון ד
איבעריקע פֿײגל. ער קלעטערט געשװינד אױף די בײמער
אָנשפּאַרנדיק זיך מיט זײן עק, און קלאַפּט הילכיק מ

1) סיניצעס.
2) פּאָלזונקאַ, פּאָפּאָלזען.

זײַן שנאָבל אין קאָרע פֿון בוים, אַזוי, אַז פֿון װײַטנס
קאָנט איר שוין הערן, װי ער אַרבעט געשמאַק, דורכ-
בויערנדיק מיט זײַן שפּיציקן שנאָבל די קאָרע פֿון בוים,
שלעפּט ער פֿון אונטער איר אַרויס די אייעלעך פֿון
פֿאַרשײדענע אינזעקטן און עסט זײ אויף. בײַ אונדז האָלטן
זיך געוויינטלעך, אויף, אַם די ראָװנע מינים פּיקהאָלצן:
דער גרויסער שוואַרצער פּיקהאָלץ, מיט אַ רויט היטעלע



דער פּיקהאָלץ.

אויפֿן קאָפּ, נאָכדעם דער גרינער, נאָר עפּעס פֿאַר אַלץ
שענער פֿון דעם קאָלירטן פּיקהאָלץ.

נאָך געשיקטער פֿאַרן פּיקהאָלץ איז דאָס קלעטערל.
ניט קײן גרויס פֿײגעלע מיט אַן אַשגרוי רוקנדל און
אַ װײַס הערצל; מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ לאַנגן, שטאַרקן
שנאָבל. אַרומשאַרנדיק די קאָרע און אַרויסשלעפּנדיק פֿון

אונטער איר די פּאַרשידענערליי אינזעקטן, קלעטערט דאָס דאָזיקע פייגעלע ניט נאָר אַרויף־בוים, ווי דער פּיקהאָלץ, נאָר אויך אַראָפּ־בוים, מיטן קאָפּ אַראָפּ, וואָס קיין שום פּיקהאָלץ און קיין שום אַנדערער פויגל אויף דער וועלט איז ניט איינשטאַנד עס צו טאָן.

צוזאַמען מיט די קלעטערלאַך קומען צו פליען די פינקעלאַך — וסוואַוס, רורקווריקע פייגעלאַך. מיט אַ



דאָס קלעטערל.

פריילאַכן צווישטשערן פליען זיי פון איין בוים צום צווייטן, פון איין צווייגל אויפן אַנדערן, אַרומשאַרנדיק יעדער צווייגעלע באַזונדער, אַריינשטעקנדיק דאָס שנע־בעלע אין יעדער שפּעלטעלע, און יעדער שפּאַרינקעלע, וואו זיי באַמערקן נאָר אַן אינזעקט. ס'איז פּשוט אַ מחיה צו זען, ווי די דאָזיקע פריילאַכע חבֿרה בּטל.

הבֿתּוּעס דאָס אױף די צװײַגלעך. נאָר לאַנג געדױערט עס ניט: אָנגעטאָנצט זיך, אָנגעקלעפּט זיך מיט די שנײ-בעלאַך, אָנגעצװײַטשערט זיך, אָפּגעשטעקט אױף אײן בױם און-פֿאַרט גלײַך אױפֿן צװײטן! מיט אַן אומגעװײנטלעכער געשיקטקײט קלעטערן זײ און כאַפּן זיך אָן פֿאַר די דינסטע צװײַגלעך און בלײַבן אָפֿטמאָל אַפֿילו הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ. זײ האָבן אױעלבע דינע און שטאַרקע פּיסעלאַך און שאַרפֿע נעגעלאַך, טו אַט די עלע [illegible]



פּינקעלאַך.

טיטע קונצשטיק איז בײַ זײ דאָרטן מיט גאָרניט. װער ס׳האָט נאָר אַמאָל געפּרוּװט האַלטן אַ פּינקעלע און האָבן, דער װײס גאַנץ גוט דעם טעם פֿון אירע שאַרפֿע נעגעלאַך. ניט אומזיסט זאָגט דער פּױער: „קלײן איז דאָס פֿײגעלע, דאָס פּינקעלע, אָבער נעגעלאַך װי בײַ אַ קאַץ".

אין אונזערע קאַנטן האַלטן זיך אױך עטלעכע מינים פּינקעלאַך: דאָס גרעסטע פֿון זײ איז גרױס װי אַ װאָראָ-בײטשיק, און מ׳רופֿט עס דאָס גרױסע אָדער געװײנטלעכע

פינקעלע. דאָס הערצל איז בײַ איר אַנגעלס, דאָס רוקנדל גרינבלאַך; אויפן קעפּעלע אַ שוואַרץ היטעלע, די בעקלאַך־ווינקעס און אויפן העלדזל אַ שוואַרץ קניפּטל. דער צווייטער מין איז אַ ביסל קלענער מיט אַ צאַרטן הימל־בלויען קאָליר. הינטער ווינטער נאָך פאַראַן אַ שקאַלירנדיקע פינקעלאַך מיט שוואַרצע קעפּעלאַך, שטובאַטע און ראַטנקיגע.



קרינדעלאַך.

אינאיינעם מיט די פינקעלאַך קומט אָפט צו פליהען אַ קליין פייגעלע — דאָס קרינדעלע *). דאָס איז דאָס קלענסטע פייגעלע, וואָס משרעפּט אין אונזערע קאַנטן. נאָר, פונדעסטוועגן בלייבן די קרינדעלאַך בײַ אונז ווינטערן און טראָגן אַריבער די גרעסטע קעלטן, אַדאַנק דעם וואַרעמען פוכיקן פּוטערל, וואָס זיי טראָגן

*) ...ראַליאָק.

אויף דער קלײנינקן קערפּערל. מ׳קען זי קענטיק זען אויף די יאָדלעס, וואו זי פאַרן אַרום יערנס צווייגעלע באַזונדער, זוכנדיק פאַרשידענערליי אײעלאַך פון אינזעקטן. די קרײנדעלעך האָבן אויף זײערע קעפּעלאַך גאָלדענע משוביקלאַך, וואָס שטעלן זיך אָפּט אויף און זעהען אויס ווי קרײנדעלאַך מ׳קען זין, אַז צוליבדעם מאַכט רופט מען זי קרײנדעלאַך.



דאָס ספּרענקערל.

ס׳איז דאָ נאָך אַ קלײנטשיק פײגעלע, ניט גרעסער פאַרן קרײנדעלע, וואָס וואַנדערט איך ווינטער פון וואַלד אַריבער געחתקעסער צו די וואױנונגען פון מענטשן. דאָס דאָזיגע פײגעלע זעט מען אָפּט אין די סטרעד און אויף די באַלקאָנען. דאָס איז דאָס ספּרענקערל*), אַ קלײן אַסקאַרעדיק פײגעלע מיט ספּרענקעלאַך באַשפּרענקלט

*) קראַפּיווניק.

און מיט אַ עקעלע אויף אַרויף. דאָס דאָזיגע קליינטשינקע פייגעלע פּראָגט אַריבער די גרעסטע קעלטן און זאַווערוכעס נאָכמער, און סאַמע ברענענדיקסטן פראָסט קען איר אַפילו הערן איר פרייליך, קלינגענדיק געזאַנג.

אָבער די אמתע שטענדיגע ווינטער-געסט אונזערע, וואָס באַשיינען אונזער איינטאָניקן ווינטער-פּייזאַזש — זענען די ליבינקע שניפּיגעלאַך*), וואָס האָבן, ווייזט אויס באַקומען דעם דאָזיגן נאָמען, דערפאַר, וואָס זיי באַווייזן זיך שטענדיק מיטן ערשטן שניי. ס'איז ממש אַ חיות צו זעהן, ווי אין אַ קלאָרן ווינטער-טאָג קלייבט זיך צונויף אַ גאַנצע סאָרע פון די דאָזיגע לעבעדיקע, שיינינקע, פולינקע, פייגעלאַך, מיט העל רויטע הערצעלאַך, שוואַרצע קעפּעלאַך און קורצע, שוואַרצע שנעבעלאַך, און זיצן אַף שטעהנוויז אויף די מיט פראָסט באַדעקטע צווייגעלאַך און צווישערן לעבעדיק, לוסטיק, שיילנדיק דערביי פּאַוואָלינקע, ניט געטיילט די קערנדלאַך פון די פּירות. דערהויפּט איז אינטערעסאַנט צוצוקוקן זיך, בשעת די דאָזיקע לעבעדיגע באַליעבטרע פליהט מיט אַמאָל צו אויף אַ קאַלינע. פון די פּירות נעמען זיי בלויז אַרויס די קערנדלאַך און דאָס איבעריגע וואַרפן זיי אַוועק, אַזוי אַז אונטער אַ קאַלינע, וואו ס'האָט זיך אויפן בעל-הבתישן אופן מכבד געווען די דאָזיגע לוסטיקע חברה קאָן איר אין אַ האַלבע שעה אַרום געפינען אַ גאַנצן באַרג אויסגעשיילטע קאַלינעס.

און האַרבסט קענען נאָך די פייגעלאַך עפּעס וואָס געפינען עסן, נאָר אַז ס'קומט דער ווינטער און די פעלדער, אויף וועלכע די פלעגן אויפקלייבן די איבער-

*) סניעגיר.

געבליבענע קערנדלעך, ווערן באַדעקט מיט סניי, קומט אויף די פֿייגעלעך זעהר אַ שלעכטע צייט. און אַז די צווייגן פֿון די ביימער ווערן פֿאַרפֿרוירן אין אַ דין הייטעלע איז פֿאַרשליסט אַט די אַלע שפּעלטעלעך און



דאָס [illegible]ינגעלע.

שפּאַרינקעלעך, פֿון וואַנעט די פֿייגעלעך פּלעגן אַרויס באַקומען פֿאַרשיידענערליי איפּעלעך פֿון די אינזעקטן, דעמאָלט ווערט זיי גאָר שלעכט. דעמאָלט קענט איר

גאַנץ אָפּט געפינען אויפן שניי טויטע פייגעלאַך, וואָס זענען נעבעך אומגעקומען פון הונגער און קעלט. די פּפערערלאַך ביים שנעבעלע זענען אָפּגעריבן — אַ סימן, אַז דאָס אומגליקלאַכע פייגעלע האָט נעבעך מיט די לעצטע כּוחות געאַרבעט מיטן שנעבעלע, דורכצובויערן דאָס אײַז־היטעלע אויף די צווייגעלאַך און האָט עס ניט געקענט בייקומען.

אַז דאָס פייגעלע איז זאַט, קאָן עס זעהר לייכט אַריבערטראָגן די קעלט. אַפילו אַזעלכע קלייניטשקע פייגעלאַך ווי די קריינדעלאַך און די שפּרענקעלאַך טראָגן אַריבער די גרעסטע קעלטן פון אונזער שווערן ווינטער. נאָר די פייגעלאַך קומען אום אין ווינטער דער־פאַר, ווייל ס'פעלט זיי אויס עסן, און אַז דאָס פייגעלע איז הונגעריק קאָן דאָס ניט אַריבערטראָגן קיין קעלט. זוכנדיק פאַר זיך וואָס צו עסן, קומען די פייגעלאַך אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו אונזערע הייזער, און אָט דאַ קאָנען מיר זיי קומען צו הילף און געבן זיי די מיג־לאַכקייט אַריבערצוטראָגן דאָס שווערע שטיקל צייט און אויף אַזאַ אופן זיי אָפּצאָלן פאַר דער אומגעהייערער טובֿה. וואָס זיי טוען אונז, פאַרטיליגנדיק די שעדלאַכע אינזעקטן, די מחבלים פון אונזער האָב און גוטס אויף די פעלדער און אין די גערטענער, און פאַר דעם פאַרגע־ניגן, וואָס זיי פאַרשאַפן אונז מיט זייער פרייליכן, האַרציקן געזאַנג.

און דאָס צו טאָן דאַרף מען גאָר קיין סך ניט האָבן: קלייבט צונויף די דאַרע שטיקלאַך ברויט, ברעקלאַך און אַנדערע זאַכן, וואָס פאַרבלייבן נאָכן עסן, לייגט דערצו

נאָך צו אַ הייפּעלע קאָנאָפּלע: און אַט האָט איר אַן אויסגעצייכנטן מאָלצייט פאַר די זוימענעסנדיקע פייגעלאַך. און פאַר די, וואָס שפּייזן זיך מיט אינזעקטן — שאַפט אַ שטיקל חלב אָדער פעטס. קלייבט אויס אַ פרייע שטיקל פלאַץ אין סאַד, אָדער אין הויף, ראַמט עס אָפּ פון שניי און שטעלט אוועק דאָס עסן; איר אַליין קענט זיך שטיין



די פינקעלאַך איבן ביינדל.

פונדערווייטנס און צוקוקן זיך, ווי די פייגעלאַך וועלן קומען צו פליהען און מיט וואָס פאַר אַ פרייד זיי וועלן זיך נעמען צו דער סעודה. און אַז איר וועט דאָס טאָן אַלע טאָג אין איין און דערזעלביקער צייט, וועלן זיי זיך ניך צוגעוואוינען צו קומען צו פליהען צו דער צייט

און וועלן אפילו שוין ווארטן אויף אייך, ביז איר וועט
זיי דערלאנגן דאָס עסן. און אויב איר ווילט, קאָנט איר
נאָך טאָן אַט־וואָס: בינדט צו צו אַ צווייגעלע אַ שטרי־
קעלע און חענגט אויף דעם אויף אַ שטיקל פעטס אָדער
אַ ביינדל, אויף וועלכן ס'איז נאָך פארבליבן אַ שטיקל
פלייש; איז אַט וועט איר פאַר זיך זעהן אַ שיין בילד, ווי
די פינקעלאך קלעטערן געשיקט אויפן שטריקעלע מיט
די קעפעלאך אַראָפ, אָדער זיי כאַפן זיך נאָר אָן מיט
זייערע דינע פיסעלאך אין ביינדל און בלייבן הענגען
אין דער לופטן און וויגן זיך הין און הער, פיקנדיק
דערביי מיט זייערע שנעבעלאך אין ביינדל אָדער אין
שטיקל פעטס.

נאָר איר מוזט זעהן זאָרגן דערפאַר, אַז די קאַץ זאָל
ניט קענען צוקומען צו אייערע געסט, אַניט וועלן די
פייגעלאך אויפהערן צו קומען צו אייך. צומבעסטען איז
אַוועקצושטעלן דאָס עסן אויף אַ ברעט און זי אָנשלאָגן
אויף איינעם אָדער אויף פיר קלעצלאך, יעדער קלעצל,
ווידער, דאַרף מען באַשלאָגן מיט צוועקעס, דעמאָלט
מעגט איר זיין זיכער, אַז קיין שום קאַץ אין דער וועלט
וועט ניט וואָגן צו באַאומרוהיגן די פייגעלאך. די ליב־
האָבער פון פייגל בויען אויס אויף די דאָזיגע קלעצלאַך
גאַנצע שטיבעלאך, מיט ווענט, מיט אַ דאַך און אַ טירל,
דורך וועלכן זיי שטעלן אַריין דאָס עסן; אין די ווענט־
לאַך מאַכן זיי קליינינקע לעכעלאַך, ס'זאָלן קענען
אַריין בלויז די קליינטשקע פייגעלאַך, אָבער ניט קיין
ראָבן, וועלכע קענען נאָך אַלצדינג אויפעסן און קריוודען
די קלענערע פייגעלאך. אַט די דאָזיגע שטיבעלאַך קענען

דינען נישט נאָר פֿאַר אַ עס-שטוב פֿאַר די פֿייגעלעך, נאָר אויך פֿאַר אַ וואַרימער היים, וואו זיי קענען פֿאַרברענגען די לאַנגע, קאַלטע ווינטער-נעכט.

„איינמאָל אין אַ קאַלטער ווינטער-נאַכט", — דערציילט איינער, אַ ליבהאָבער פֿון פֿייגל, — בין איך מיט אַ לאַמטערן אין האַנט אַרויסגעגאַנגען אין סאָד אַריין, צו קוקן אויפֿן שטיבעלע, וואָס איך האָב געמאַכט פֿאַר די פֿייגעלעך, און דאָס, וואָס איך האָב געזעהן, האָט מיר אַן איבריגס מאָל באַוויזן, ווי נייטיק ס'איז דאָס שטיבעלע פֿאַר די אומגליקלאַכע פֿייגעלאַך, וואָס פֿרירן געבאַך אין אַזאַ קאַלטן דרויסן. עטלאַכע פֿינקעלאַך האָבן זיך פֿאַרקליבן אַהין, ווער אין אַ ווינקעלע, ווער אויפֿן שטענגעלע, אַריינגעשטעקט די קעפּלאַך אונטער די וואַרימע פֿליגעלאַך, די פֿעדערלאַך אָנגעבלאָזן, און געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל! אַן אַנדערש מאָל האָב איך דאָרט געטראָפֿן עטלאַכע וואָראָביטשיקעס, וואָס האָבן דאָרט געפֿינען אַ שוץ פֿון דער שרעקלאַכער זאַווערוכע, וואָס איז געווען אין יענער נאַכט".

אַ יינגעלע האָב איך געקענט, איז זיין גאַנץ לעבן געווען פֿייגעלאַך. אויפֿן גאַניק פֿון זייער שטוב האָט ער אָנגעשלאָגן אַ ברעט, אויף וועלכער ער פֿלעגט יעדן טאָג אויפֿשיטן סימניע און אַנדערע קערנדלאַך און די פֿייגע. לאַך האָבן אים שוין גוט געקענט און זיך שוין נישט געשראָקן פֿאַר אים, אייניגע פֿלעגן אַפֿילו נעמען דאָס עסן פֿון זיין האַנט. און אַז ס'איז געקומען שבת-שירה *) — פֿלעגט ער פֿאַר זיי מאַכן אַן אמתן יום-טוב. איינמאָל

*) אין אַ סך ערטער איז אַ מנהג שבת-שירה אַרויסשטעלן פֿאַר די פֿייגעלאַך טשאָלנט-קאַשע.

פרייטאָג פאַרנאַכט, האָט ער אויסגעבעטן ביי דער מוטער אַ טעפּעלע קאַשע מיט פעטס, אַריינטאָן אַהין ברעקעלאַך ברויט, סימניע, קאַנאָפּליע, און געטרוקנטע קאַלינעס, דאָס אַלץ האָט ער גוט אויסגעמישט און אָנגעוואַרימט, נאָכדעם האָט ער עס מיט אַ קאָכלעפל אַרומגעשמירט אַרום די צווייגעלאַך פון בלויען מאַי, וואָס איז געוואַקסן ביים פענסטער פון זיין שלאָף צימער. די קאַשע מיטן פעטס זענען פאַרקילט געוואָרן און קיין שום ווינט און



שַׁבָּת־שִׁירָה.

זאַווערוכע האָט עס שוין ניט געקענט אַראָפּרייסן פון ביימל. אַזוי אַז די פייגעלאַך פלעגן קומען און פּיקן די שיריים, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן פון יום־טוב. נאָר מ'דאַרף וויסן, אַז דאָס פעטס זאָל ניט זיין שטאַרק היים, אַניט קאָן דאָס שאַדן די ביימעלאַך און זיי קענען נאָך פאַרדאַרט ווערן.

ס'איז דאָ נאָך אַ פּולע מיטלען, וואָס מ'קען אָנגעבן, כדי צו לינדערן די נויט פון די פייגעלאַך אום ווינטער

און ווער ס'האָט באמת ליב אָט די דאָזיקע ליבע באַשעפענישלאַך, וועט תמיד קענען צוטראַכטן אַזוינס, מיט וואָס ער זאָל קענען באַהילפיק זיין זיינע קליינינקע פריינד.

אין איינע פון זיינע דערציילונגען: „פון וואָס די פייגעלאַך האָבן געליטן", דערציילט דער רוסישער נאַטוראַליסט מ. נ. באָגדאַנאָוו: ס'איז געווען אין איין שיינעם, פראָסטיקן ווינטער-פרימאָרגן. אין סאָד לעבן אונזער פענסטער האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גאַנצע חבֿרה פייגעלאַך: וואָראָבייטשיקעס, שניי-פייגעלאַך, פינקעלאַך, קריינדעלאַך, זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ עצה האַלטן, וואָס זיי זאָלן טאָן. איבערנאַכט איז אויסגעפאַלן אַ טיפער שניי, און האָט באַדעקט די ערד און די ביימער; ס'איז אַפילו ניטאָ וואו צוצוזעצן זיך און אָפּרוהען אַ ווײַלע. זיצן די פייגעלאַך אויפן שניי און ווייסן נעבאַך ניט וואָס צו טון.

האָבן די קינדערלאַך, וואָס זענען געשטאַנען ביים פענסטער, דאָס אַלץ צוגעזעהן און רחמנות געקראָגן אויף די קליינטשינקע הונגעריגע פייגעלאַך. באַלד איז שוין לעבן פענסטער געשטאַנען אַ איבערגעקערטער קאַסטן, אויף וועלכן זיי האָבן אַרויפגעשיט זאַמד און נאָכדעם פאַרשידענערליי קערנדלאַך: קאָנאָפּליע, פראָסע, האָבער און ברעקלאַך ברויט. און אַליין זענען זיי צוגעפאַלן צו די שויבן, זעהן וואָס ס'וועט דאָ זיין. ס'גייען פאַרביי אַ פּאָר מינוט. די ערשטע האָט זיך אָנגערופן אַ פינקעלע. „פין, פין, טאַררראַק!" האָט זי אויסגערופן, אַרויפגעפלויגן אויפן קאַסטן און נאָך מיט מער פרייד אָנגעהויבן צו רופן די איבעריקע פייגעלאַך. זיי האָבן אויף זיך

לאנג ניט געלאָזט ווארטן און אַלע מיט אַמאָל זענען זיי אָנגעפלויגן און זיך גענומען צו דער רייכער סעודה. אָפגעגעסן, האָט חבֿרה גענומען צוויטשערן און זינגען אויף וואָס די וועלט שטייט.

פון דעמאָלט אָן, דערציילט באַנדאַנאָוו, האָבן שוין די פייגעלעך ניט געהאַט מער פון וואָס צו טרויערן. יעדן טאָג, און אין איין און דער זעלביקער צייט פלעגן זיי זיך צונויפפליִען און קומען צום פענסטער פון אונזער קינדערשטוב און עסן זייער מאָלצייט אויפן קאַסטן.

טראַכט זיך איין, קינדערלאַך, יעדערער פון אייך קאָן דאָך אויך טאָן דאָס זעלבע!



# דאָס טויטע פייגעלע.

ס'איז געווען דער ערשטער טאָג שבועות. אַלע האָבן זיך נעקליבן אין שול אַריין. די מאַמע האָט מיך לכּבֿוד יום-טובֿ אויסגעפּוצט אין מײַנע נײַע מלבושימלעך: כאַמעטענע הייזלאַך, אַ בלוי זײַדן העמדל מיט אַן אַריבערגעלייגט מאַטראָסיש-קעלנערל, לאַקירטע שיכעלאַך און אַ נײַעס שטרויענעם קאַפּעליוש מיט ברייטע ראַנדן.

„נו איצט ביסטו שוין פאַרטיג, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — גיי, זינו, צו דער באָבען און וועסט שוין מיט איר גיין אין שול אַרײַן".

די באָבע האָט געוואוינט אויף דער פּריציסקער גאַס אין אַ שיינעם הויף מיט אַ גרויסן סאָד. די באָבעשי איז געווען זעהר אַ גוטע, און ווי איך פלעג נאָר קומען צו איר פלעגט זי מיך מכבד זײַן מיט „שבת-אויבס".

— באָבעניו — פלעג איך צו איר זאָגן, — ס'איז דאָך היינט מיטוואָך, ניט שבת!

— ס'מאַכט נישט אויס, שמאַליקל, נעם עס געזונטערהייט, שבת וועסטו דאָך זײַן בײַ דער מומע מעמצען, נו, טאָ לאָז דאָס שוין זײַן פאַר שבת, פאַרשטייסט?

יאָ, איך האָב פאַרשטאַנען און אָנגעפּאַקט פולע קעשענעס מיט בארן, מיט עפּל, מיט פלוימען און מיט כּל-טובֿ.

געקומען צו דער באָבען, האָב איך זי געטראָפן אין שלאָפראָק. זי איז געווען אין קיך און זיך מיַשב געווען מיט חנה־גיטלען, דער קעכין, וואס צוצוגרייטן צו דער מילכיקער סעודה. איך האָב געזעהן, אז ס'איז נאָך לאַנג צו וואַרטן, בין איך מיר דערווייל אַוועק אין סאַד אַריין, זעהן, וואָס ס'מאַכן דאָרט די בלומען, וועלכע איך האָב זעהר ליב געהאַט. און איצט איז דאָך שבועות, די רעכטע צייט פון נאַרציסן און טולפּאַנעס!

ס'איז געווען אַרום ניין א זייגער אינדערפריה. דער הימל איז בלוי ניט אַריינצוקוקן אין זיין העלער בלויקייט. אין פוילישן־קלויסטער קלינגט מען און דער באָם־באָם הוידעט און וויגט זיך עפּעס אַזוי טרויעריק, גלייך ווי ער וואָלט געוואָרנט העלן ווי זיך פון אַלץ, וואָס ס'טוט זיך איצט אויף גאָטס ליבטיקער וועלט, וואו אַלץ לעבט און גרינט און בליהט. פון די ביימער הערט זיך דאָס פריידעוודיקע צוויטשערן פון די פייגעלאַך. ס'פליהט פאַרביי מיר דורך א מאַי־זשוק און זשומעט מיר גלייך אין אויער אַריין: „וואָס שטייסטו דו, לייטענער גולם, ס'איז דאָך עפּעס יום־טוב, ס'איז פרילינג, קום לאָמיר לויפן"! און איך בין געלאָפן. די שטעזשקעס זענען באַזאָטן מיט גאָלד־זאַמד און זעהן אויס אַזוי יום־טובדיק, און איך לויף איבער זיי און טאַנץ אַזש אונטער פאַר פרייד: „אַך, ווי גוט דאָ איז... א מחיה!" און אָט זענען זיי, די קונדסים! מיינע ליבע, שיינינקע טולפּאַנעס האָבן שוין זייערע קנאָספּעס צעעפנט און זאַפּן איין אין זיך יעדן קוש, וואָס דאָס מילדע שטיפעריסע ווינטעלע ברענגט זיי פון דער זון אַראָפּ, און זיי ענטפערן מיט א

ליבן שמייכל און מיט אַ געשמאַקן, וואַרימען ריח. מער לויפן האָב איך שוין ניט געקענט. איך האָב זיך אָנגע-בויגן צו מיינע ליבע בלימעלאַך, און פון ווייערע חנעווי-דיקע בעכערלאַך געשעפּט דעם איידעלן געשמאַקן ריח. אוי, ווי איך האָב ליב טולפּאַנעס!

פלוצלונג איז פאַרביי מיר דורכגעפלויגן אַ פייגעלע, אַזוי נאָהענט, אַז ס'האָט מיך אַזש אָנגערירט מיטן פליגעלע און האָט מיך איבערגעשראָקן. דאָס פייגעלע איז געפלויגן אַלץ נידעריקער און נידעריקער, ביז ס'איז אַראָפּ אויפן געלן זאַמד, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ



גאָלדן רעמל אַרום די ביימן בלומען. איך האָב באַלד פאַרגעסן די בלומען און איך ווייס ניסט, וואָס ס'איז דעמאָלט מיט מיר געשעהן! איך האָב געכאַפּט אַ שטיקעל ציגל, און... באַלד איז שוין דאָס פייגעלע געלעגן אויפן זאַמד און זיך געצאַפּלט. פון פרייד, וואָס איך האָב אַזוי גוט געצילט, האָב איך זיך פייל אויסן בויגן געלאָזט לויפן צום פייגעלע און בין געבליבן שטיין ווי אַ פאַרשטיינערטער.

אויפן זאַמד איז געלעגן אַ שיין קליין פייגעלע מיט

א געפלעטן קעפל. די שוואַרצינקע אייגעלעך האַלב אָפן; פונ'ם פיסקעלע, וואָס האָט זיך נאָך געצאַפּלט, האָט זיך געזעהן א קליינער טראָפּן בלוט...

מיין ליב, האַרציק פייגעלע... וואָס האָב איך נעבאַך געהאַט צו דיר!..

די מאַמע וועט האָבן קינדערלעך, ברעקעלעך... זיי וועלן נעבעך גאַרן אויף דער מאַמען...

די זון האָט געלויכטן און געוואַרעמט און געקוקט נחת פון אַלץ, וואָס גרינט און בליִעט. די שיקט אַראָפּ אירע מילדע חנעוודיקע שטראַלן אויסצוקושן יעדעס בלעטעלע, יעדעס בלימעלע... און די פייגעלעך זינגען אַזוי שיין... אין שול וועט דער חזן באַלד אָנהייבן צו זאָגן „אקדמות"... און איך... מיר איז פינסטער אין די אויגן... איך בין א גזלן, א מערדער, א רוצח! וואָס האָב איך געהאַט צו דעם דאָזיקן פייגעלע? טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן.

אויסגראָבן א גריבעלע, נעמען א פּאָר צווייגעלעך, א קוש טאָן דאָס אומגליקלעכע פייגעלע און עס אַריינלייגן אין גריבעלע — דאָס אַלץ האָט געדויערט ניסט מער ווי צוויי-דריי מינוט...

און דאָ הער איך פון גאַניק דער באָבעניוס קָל:

— סמואליק, סמואליק, וואו ביסטו?

שנעל, שנעל! ס'דאַרף פאַרשיטן דאָס גריבעלע, אויסגלייכן די ערד, — אָט אַזוי! איצט א פּאָר נאַרציסן... טולפּאַנעם... אַרזנסטעסקן — און שיין! נאָך יום-טוב וועל איך א בוימעלע פלאַנצן, יאָ-יאָ!

— סמואליק, זעה נאָך, וואו איז ער דאָרט?

— אַט באַלד, באָבעניו!

און אַט בין איך שוין אויפן גאַניק און גיי אין שטוב אַריין. די באָבע נעמט מיך פאַר דער האַנט און קוקט אויף מיר.

— וועה נאר, שמואליקל, וואָס איז דיר? וואָס ביסטו אזוי בלאַס!

— גארניט, באָבעניו... גארניט...

און קיינער ווייסט ניט פון מיין סוד... קיינער ניט...

און פון דעמאָלט אָן, קום איך נאָר אין אונזער סאַד, גיי איך גלייך צו יענעם ווינקל, וואו ס׳וואַקסט דער בלויער מאָן. איך קוק אויף דעם ביימעלע און דער־מאָן מיך אין דעם אומגליקלעכן פייגעלע, מיט׳ן אָפענעם פיסקעלע, מיטן טראָפּן בלוט אויף דעם...

ניין, קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך דאָס ניט פארגעסן! ...

# דאָס וואַלד־פֿייגעלע.

הײַנטיקן זומער זענען מיר צום ערשטן מאָל געפֿאָרן צום פֿעטער וועלוולען צו גאַסט אין דאָרף אַרײַן. דער פֿעטער איז געווען אַ וואַלד־סוחר און האָט אויך געהאַט אַן אייגענעם טאַרטאַק. איינמאָל האָט ער אונז מיטגענומען מיט זיך אין וואַלד אַרײַן, כּדי מיר זאָלן זיך באַקענען מיט דער אַרבעט אין וואַלד און אויפֿן טאַרטאַק.

די פּויערים האָבן גראָד געהאַקט אַ שטיק וואַלד, וואו ס'האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אַ פֿולע פֿייגעלאַך. די ביימער זענען געפֿאַלן און די נעסטן זענען חרובֿ געוואָרן. ס'איז געווען אַרום שבֿועות־צײַט און אין די נעסטן האָבן זיך געפֿונען די יונגינקע פֿייגעלאַך, וואָס האָבן זיך אָקאָרשט געהאַט אויסגעשײַלט פֿון די אייער. די עלטערן האָבן נעבעך ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן זייערע אומגליקלאַכע קינדערלאַך: זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק צו דער ערד אַראָפּ, זיך געדרייט אַרום די קעפּ פֿון די אַרבעטער און האָבן זיך געצאַפּלט, סטאַרענדיק זיך צו קומען צו הילף זייערע קינדערלאַך. בײַ די שקאָצימלאַך איז דאָס געווען אַן אמתער יום־טובֿ: קיינמאָל איז זיי נאָך אַזוי לײַכט ניט אָנגעקומען צו כאַפּן פֿייגעלאַך, ווי איצט, און אַפֿילו אומגליקלאַכע פֿייגעלאַך זענען טאַקע אַרײַנגעפֿאַלן צו זיי אין די הענט.

איינס פֿון די דאָזיקע פֿייגעלאַך איז אַריינגעפֿאַלן אויך צו אונז. יאַנעק, דעם וואַלד שומרס יינגעלע, האָט עס אונז געבראַכט אַ מתּנה. דאָס פֿייגעלע איז געווען ענלאַך אויף אַ שוועלבעלע; עס האָט אויך געהאַט לאַנגע פֿליגעלאַך, פּונקט אַזאַ קעפּעלע, נאָר די פֿעדעלאַך זענען געווען טונקעלע און ס'איז ניט געווען אַזוי שיין און רירעוודיק ווי דאָס שוועלבעלע. דאָס פֿייגעלע האָט מען, ווייזט אויס, גענוג אָנגעמוטשעט, איידער מ'האָט עס געבראַכט צו אונז: די אייגעלאַך זענען ביי דעם געווען פֿאַרמאַכט, די פֿעדערלאַך אָנגעבלאָזן און עס האָט אַפֿילו ניט געפּרוּווט צו באַפֿרייען זיך פֿון אונזערע הענט.

מיר האָבן גענומען אַ פּודעלע עם אויסגעבעט מיט וואַטע און אַהין אַריינגעלייגט דאָס פֿייגעלע. מיר האָבן אַפֿילו געפּרוּווט איר געבן עפּעס עסן און טרינקען, אָבער דאָס פֿייגעלע האָט זיך צו דעם אַפֿילו ניט צוגערירט. עס האָט זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקעלע און פֿאַרמאַכט די אייגעלאַך.

פֿונדעסטוועגן האָבן מיר גענומען אַ גלעזעלע וואַסער, אַריינגעטאָן אַהין עטלאַכע פֿליגן און עס אַריינגעשטעלט אין דעם פּודעלע אַריין. אַליין, ווידער, האָבן מיר זיך געשטאַרעט ניט צוצוגיין נאָהענט צום פֿייגעלע, כּדי עס ניט איבערצושרעקן, נאָר פֿון דערווייטנס האָבן מיר זיך צוגעקוקט, וואָס עס טוט.

און ווי גליקלאַך זענען מיר געווען, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך דאָס פֿייגעלע אויפֿגעשטעלט, זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער און פֿאַרביסן מיט אַ פּאָר פֿליגן!

מיר האָבן זעהר ליב באַקומען אונזער פייגעלע און עס געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. דער עיקר האָבן מיר מורא געהאַט פאַר דעם אַלטן חיהנער-פּרעסער, רב קעצל גנב, וועלכן מיר האָבן פון דעמאָלט אָן אַפילו אויף דער שוועל ניט געלאָזט.



מיר האָבן עס גע-פילעוועט מיט פליגן און עס אָפּט אַרויסגעטראָגן אין סאַד אַריין און עס געזעצט אויפן גראָז. דאָס פייגעלע האָט ניט געקענט פליהען און קוים געמאַכט אַ פּאָר טריט ווייטער פון אונז. עס האָט געהאַט זעהר דינינקע, קורצינקע פיסעלאַך און ס'איז איר זעהר שווער געווען צו גיין אויף דער ערד. דאָס פייגעלע האָט זיך זעהר גיך צוגעוואוינט צו אונז, פלעגט רוהיג זיצן ביי אונז אויף די קני און עסן פון די הענט.

אַט אזוי האָט עס ביי אונז געלעבט ביז סוף זומער. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז ס'וועט אונז שוין קיינמאָל ניט פאַרלאָזן. דעם אומגליקלאַכן פייגעלע איז שוין מער ניט באַשערט געווען אויפצוהייבן זיך און אַוועקפליהען ווייט-ווייט, ערגיץ אין די ווארימע לענדער אַריין, ווייל די פליגעלאַך ביי דעם זענען געווען שוואַכינקע און זיינען ניט געווען בכוח עס אויפצוהייבן פון דער ערד. מיר זענען אַפילו געווען זעהר צופרידן דערמיט: שוין צו שטאַרק האָבן מיר ליב באַקומען אונזער פייגעלע און ס'איז אונז שווער געווען צו שיידן זיך מיט דעם. מיר

האָבן זיך שוין אַפילו פאַרגעשטעלט, ווי מיר וועלן דאָס ברענגען צופירן אין שטאָט אַריין און עס האַלטן ביי אונז אין קינדערשטוב אויף דעם אַלמער.

און אָט איז געקומען דער טאָג, ווען מיר האָבן זיך געדאַרפט אומקערן צוריק אין שטאָט אַריין. וואָסיל האָט שוין עטשפּאַנט די פערד און איך בין מיר אַרויסגעגאַנגען מיטן פייגעלע אין האַנט אויפן גאַניק: ס'האָט זיך מיר געוואָלט, אַז דאָס ליבינקע באַשעפענישל זאָל אַביסעלע אָפּאָטעמען אויף דער פרייער לופט און געזעגענען זיך מיטן וואַלד, איידער מיר וועלן עס אַריינזעצן אין שטייגל אַריין.

איך האָב עס געהאַלטן אין דער הייך, איבער מיין קאָפּ און דאָס פייגעלע איז זיך רוהיג געזעסן אויף מיין האַנט. נאָר מיט אַמאָל האָט זיך עס אַהייב געטאָן פון אָרט, זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פיסעלאַך, אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן, זיך פריילאַך צעצווישערט, אויס-געשפּרייט פריהער איין פליגעלע, נאָכדעם דאָס צווייטע און גיך-גיך זיך גענומען טראָגן פריהער נידע-ריק פון דער ערד און וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער, ביז ס'איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דער בלויער ווייטקייט.



דאָס האָט מיך אויף אַזוי פיל איבערראַשט, אַז אַ לאַנגע צייט בין איך נאָך געשטאַנען און נאָכגעקוקט מיין ליב

פייגעלע, איך בין געשטאַנען און זיך ניט געריירט פון אָרט. ווי איך וואָלט וואַרטן, אַז אָט-אָט וועט זיך עס ווידער באַווייזן און זיך אומקערן צוריק צו מיר. נאָר דאָ האָט מען מיך גערופן אין שטוב אַריין: די ברישטקע איז שוין געשפּאַנט און מ'דאַרף זיך געזעגענען און פאָרן. אין מיטן שטוב אויפן טיש איז געשטאַנען דאָס פּוסטע שטייגעלע, וואָס מ'האָט צוגעגרייט פאַרן פייגעלע. ניין, מער האָב איך זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און מיט טרערן אין די אויגן האָב איך גענומען דערציילן, וואָס ס'האָט געטראָפן מיטן פייגעלע, ווי ס'איז אַוועקגעפלויגן פון מיר.

און נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך דער דאָזיקער מַעֲשֶׂה האָב איך בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט דאָס פייגעלע מיט אַמאָל געקענט אַזוי גיך און געשיקט אַוועקפליִען, אין דער צייט, וואָס אין מֶשֶךְ פון אַ גאַנצן זומער האָט עס אפילו איינמאָל ניט געפּרוּווט אַ ריר טאָן מיט אַ פליגעלע. ערשט אין עטלאַכע יאָר אַרום האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ס'זענען פאַראַן אַפּוּלע פייגעלאַך, וואָס קענען זיך ניט אויפהייבן גלייך פון דער ערד און אַוועקפליִען און דעריבער זעצן זיי זיך טאַקע קיינמאָל ניט אויף דער ערד. אָבער פון וואָס פאַראַ ניט איז הויכן אָרט, פון אַ פאַרקאַן, פון אַ צווייגל פון בוים, פון דאַך הייבן זיי זיך לייכט אויף און פליִען אַוועק. און אָט האָט זיך אונזער ליב פייגעלע אויך ניט געקענט אויפהייבן גלייך פון דער ערד, און ווי נאָר איך האָב עס אויפגעהייבן אין דער הייך איז עס גלייך

אװעקגעפלױגן צוריק צו זיך אַהײם — אין װאַלד אַרײַן.
איצט װײס איך אױך, אַז אונזער פײגעלע איז מסֻתּמא
געװען אַ נאַכט־שװאַלב *).

# אינהאלט:


דאָס הונגעריקע פייגעלע פון רעפּפּענבאַך . . . . . . . . 3

אונזער ווינטער־פייגעלאך פריי נאָך פראָפ. ה. נ. לוּאָוו. . . . . 5

דאָס שוטע פייגעלע . . . „ דר. קאינאָראָדאָוו. . . 21

דאָס וואלד פייגעלע „ י. וואַרבנאָווא. . . . . . 26

1745

# פאַרלאַג „אַנהייב".

1. מייזעלע שאַרפציינדל און וואָראָבייטשיק נגיד פּרייז 50 ק.
2. ר׳מרדכילע. שלמה המלך און דער אַשמדאי „ 60 ק.
3. האַנס אַנדערסען. דוימעלע. „ 1 ר.
4. ד׳אַמיטשיס. ווי אַזוי אַ יינגל איז אַרום־געגאַנגען אַרום זיין קראַנקן טאַטן „ 50 ק.
5. אַ מעשה וועגן פּעטער קוואַק, ווי ער האָט געלעבט און וואָס ס׳האָט זיך מיט אים פאַרלאָפן „ 75 ק.
6. פייגעלאַך „ 1 ר.
7. ד׳אַמיטשיס. דער קליינער פלאָרענטישער איבערשרייבער „ 50 ק.
8. שלמה המלכס משפט „ 40 ק.
9. ביי די מוראַשקעס צו גאַסט „ 1.25 ר.
10. דאָס קוכעלע „ 50 ק.
11. אַמי פּאַלם. לאַללי און איר הינטעלע פילקע „ 1.25 ר.
12. ע. סעטאָן־טאָמפּסאָן. דער פוקס און זיין געזינדל „ 1.75 ר.

אויסשליסליכער פאַרקויף:

ביכער־לאַגער „קולטור־ליגע", קיעוו,

גרויס־וואַסילקאָווער 43.

**פרייז 1 רוב.**